וכאן המקום אויבעם צו מבאר זיין נאך א פירש"י בנוגע צו דעם מעיל, וואס דאס איז איינע פון די טעמים אויף דעם פארברייגען, וואס ס'איז דאך פאראן די וואס טענה'ן בנוגע בזה מבקיעסטן, צוליב וואס דארף זיין דער ענין פון רעש וכו', און מ'בהייגבט האיות פון דעם גדול און פון יענעם גדול, אז בא זיי איז געווען די הנהגה ניט מיט א רעש ווארום לא ברעש ה' (מלכים א' יט, יא), נאר אין אן אופן פון הצנע לכת, און דאס איז ניט געווען נאר בנוגע צו זייער עבודה מיט זיך, נאר אויך בנוגע לעבודתם מיטן זולת, הייגט וואס דארף מען האבן דעם ענין פון רעש?

איז דאס זעם מען פון דעם ענין המעיל, וואס אויפן מעיל איז געווען "רמוני תכלת וגו' ופעמוני זהב בתוכם סביב" (תצוה כח,לג), און צו וואס האט מען געדארפט האבן די פעמונים, איז ער ממשיך אין פסוק "ונשמע קולו בבואו אל הקודש" (שם לה), אז ווען דער כה"ג איז אריין אל הקודש האט

הנחת הת' בלתי מוגה — געדארפט זיין



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ה א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס : 450 הודפס ע"י או

געדארפט זיין ונשמע קולו, און אזוי אויך בצאתו אל ההיכל, וואס צוליב דערויף האט מען געמאכט די פעמונים; צוויי און זיבעציק, אדער זעקס און דרייסיק, אדער אכצן גלעקלאך (זבחים פח,ב) כדי ס׳זאל זיין ונשמע קולו.

און מ׳זעט אז דער ענין איז אויך אזוי פיל נוגע, און ווי רש"י זאגט אויף דערויף, אז מכלל לאו אתה שומע הן, אז אין דערויף איז תלוי דער גאנצער חיות פון דעם כהן.

און ווי ער זאגט אויף דערויף אין גמ׳ (יומא נב,א. ודאה פי׳ ר"ח שם), אז פון דעם זעט מען חיבתן של ישראל, אז ביו"כ פלעגט דער כה"ג ארייגגיין אין קד"ק נאר מיט בגדי לבן, און דעמאלט האט ער ניט געטארט ארייגגיין מיטן מעיל, ווארום אזוי ווי ער טאר ניט זיין מחוסר בגדים, טאר ניט זיין מיותר בגדים (רמב"ם הל׳ כלי המקדש פ"י ה"ה), האט ער געדארפט ארייגגיין נאר מיט בגדי לבן.

זעט מען דאך אז ס׳איז פאראן צוויי הנהגות, און ביידע באווייזן אויף חיבתן של ישראל, אז ווען ער איז ארייין אין קד"ק, אין א יום קדוש, און אין א מקום קדוש, און א אדם קדוש, און דארטן איז דאך אין בדביד אלא ארון ה׳, דעמאלט טאר ניט זיין דער ענין פון ונשמע קולו, נאר ס׳דארף זיין קול דממה דקה, דאס איז אבער מערניט ווי אחת בשנה, אבער ווען ער איז ניט געווען אין קד"ק נאר אין קדש, דארטן דארף זיין ונשמע קולו.

נאך א ענין וואס מ׳דארף דערמאנען איז, אז לויט ווי איך האב געהערט לייגט מען ניט ארויף קיין דגש מיוחד אויף באווארענען, אז דער ענין פון משלוח מנות ומתנות לאביונים, מען זאל דאס טאן ביום הפורים - דינסטאג און ניט פריער, און מ׳דארף דאס באווארענען, ווארום מצד דעם חפזון וזריזות, אדער העדר ידיעה, קאן דאך זיין ער זאל דאס טאן גלייך ווען ער קריגט דאס.

און ווי דער רבי האט דערציילט אגיף דעם צ"צ׳ס א חסיד, ר׳ יקותיאל ליעפלער, וואס דעמאלט איז געווען דער סדר אז דער צ"צ פלעגט שיקן די מיניס (מ׳ביינט ביט די ד׳ מינים, נאר די מינים) פון סדר צו די אורחים, און מ׳האט דאס אויך געשיקט צו ר׳ יקותיאל׳ן, ווען ס׳איז געקומען ליל הסדר אדער ערב פסח, איז ר׳ יקותיאל געקומען צו דעם צ"צ און געזאגט אז ער האט ניט מיט וואס צו פראווען דעם סדר, האט דער צ"צ גערופן דעם שמש און האט אים געפרעגט: צו דען איז ר׳ יקותיאל ניט געווען אין דער רשימה פון די אורחים? האט אים דער שמש געזאגט אז ער איז געווען אויף דער רשימה, און ער האט אים געבראכט די מינים פון סדר, האט ר׳ יקותיאל געזאגט אז דאס האט ער אויפגעגעסן גלייך ווען ער האט אים געבראכט, און דאס האט אים געהאלפן לעבודת ה׳.

איז עד"ז קען דאך זיין אויך דא אז ער וועט דאס טאן מצד זריזות גלייך ווען ער וועט דאס באקומען, און עס וועט אים מאקע העלפן לעבודת ה׳, אבער די מצוה פון משלוח מנות איז ער דערמיט ניט מקיים, וואס דערפאר דארף מען באווארענען אז מ׳זאל דאס טאן אין דעם טאג פון פורים.

און אז ב׳רעדט שוין וועגן דעם ענין המעיל איז אויך כאן המקום צו שטעלן זיך אויף א רש"י תמוה, וואס בנוגע צו דעם מעיל שטייט דאך "ועשית על שוליו רמוני תכלת וגו׳", שטעלט זיך רש"י אויפן ווארט "רמוני" און טייטשט אפ: "עגולים וחלולים היו כמין רימונים העשויים כביצת תרנגולת", וואס לכאו׳ איז ניט פארשטאנדיק וואס דארף רש"י ברייגגען א דוגמא כמין רימונים וכו׳, ס׳איז גענוג ער זאל זאגן אז עגולים וחלולים היו?

נאכמער: רש"י ברייגגט אויף דערויף א סימן פון רימונים העשויים כביצת תרנגולת, וואס לכאו׳ איז דאס ניט קיין סימן אויף עגולים,

<u>הנחת הת׳ בלתי מוגה</u>                    - ווארום -



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ה א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס : 451 הודפס ע"י או

ווארום, א ביצת תרנגולת איז בגם קיין עגולה, ואדרבה ווי ער זאגט אין הל' ביצים (יו"ד סי' פ"ו ס"א) אין די סימנים פון ביצים טהורות, אז דער סימן פון א ביעא מהנהה איז אז זי איז כד וחד, פון איין זייט כד (קיילעכדיק) און פון דער צווייטער זייט חד (ווארוך), איז ווי ברייננט רש"י פון דעם א סימן אויף עגולים? וכפי שיתבאר לקמן.

אוצר החכמה

בנוגע צו דעם ביאור אין רש"י וואס ער זאגט אז די רמוני תכלת וגו׳ זיינען געווען עגולים וחלולים במין רמונים העשוים בביצת תרנגולת, וויל דא רש"י פארענטפערן דאס וואס לבאורה – וואו געפינט מען אזא תכשיט וואס ער איז קיילעכדיק און חלול פון אינעווייניק? און אויף דערויף זאגט רש"י כמין רמונים העשוים כביצת תרנגולת, אז אין רש"י׳ס ציימן איז געווען א תכשיט, וואס איז געווען אזוי ווי א ביצת תרנגולת, און חלול פון אינעווייניג און דאס זאגט רש"י דעם בן חמש; בא דיר אין צימער האסטו אזא תכשיט, במילא וועסטו פארשטיין בנוגע די רמונים וואס זיינען געווען עגולים וחלולים, און די ראי׳ וואס ער ברייננט פון די רמונים וואס זיינען כביצה תרנגולת איז (נים אויפן עגולים, נאר) אויף דעם וואס ס׳איז געווען **חלולים**.

און דא פרעגט זיך די שאלה: פארוואס כאפט רש"י אן דעם לשון (כביצת הרנגולת און נים סתם ביצה, ע"ד ווי רש"י זאגט אין בשלח (שמות טז,יד) בנוגע צו דעם טל, אז דער טל פלעגט אדויף גייען למעלה, ברייננט דארטן רש"י אז אם תקח שפופרת של ביצה און מ׳וועט איר אנפילן מיט טל ותניחה בחמה היא עולה מאלי׳, וואס רש"י זאגט (שפופרת של) ביצה סתם, און מ׳זאגט נים ביצת תרנגולת (אין זוכרים אם הי׳ תירוץ על קושיא זו).

. וואס דערמיט וועט מען אויך פארשטיין וואס דער רמב"ן (עה"ת שמות כח,לא פרעגט אויף רש"י׳ן פארוואס זאגט רש"י במין רמונים און נים כמין תפוחים, וואס לכאו׳ איז נים פארשטאנדיק זיין שאלה: אויב ער וואלט געזאגט תפוחים וואלט מען געפרעגט פארוואס זאגט ער נים רמונים; היינט וואס איז זיין שאלה?

אבער עפ"י הנ"ל איז דאס פארשטאנדיק: וויבאלד רש"י וויל ברייננען א ראי׳ אויף א תכשיט עגול, האט ער דאך געדארפט בעסער ברייננען א ראי׳ פון תפוחים, וואס זיינען געווען אין דער מנורה, וואס אין מנורה איז דאך געווען כפתורים און רש"י (שמות כה,לא) איז מפרש אז דאס איז א קישוט "כמין תפוחים עגולים"; [וואס בדיבים האט מען געדארפט האבן כדי אנצינדן די ליכט, אבער צוליב וואס האט מען געדארפט האבן די כפתורים? זאגט אויף דערויף רש"י אז דאס איז געווען א קישוט כמין תפוחים], זעט מען דאך אז ס׳איז געווען א קישוט כמין תפוחים, איז דאס פרעגט דער רמב"ן פארוואס זאגט רש"י רמונים און נים תפוחים.

וואס דא קומט אויך דער ביאור אין רש"י ע"ד הדרוש, וואס דאס איז אויך דער יינה של תורה שבפרש"י, וואס דער חילוק פון תפוחים מיט רמונים איז, אז תפוחים ווייזט ווי אידן געפינען זיך אין זייער מעלה (ראה שבת פח,א), וואס דאס איז אויך דער ביאור עפ"י חסידות פארוואס מ׳עסט בליל ר"ה תפוח מתוק בדבש, ווארום דאס ווייזט אויף די מעלה פון אידן, ובפרט תפוחי זהב,



אוצר החכמה

הדפסה ברזולוציה מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ה א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס : 455 הודפס ע"י או

משא"כ דער ענין פון רמונים, זאגט דאך אויף דערויף די גמ׳ אז אפי׳ די וואס זיינען היפך פון צדיקים, זיינען אויך מלאים מצוות כרימון (ברכות נז,א) וכמ"ש (שה"ש ד,ג) כפלח הרמון רקתך, אז אפי׳ רקנין שבך מלאים מצוות כרמון,

און דאס איז וואס ער זאגט אז די רמונים זיינען געווען אויף שולי המעיל, ווארום דאס איז ביט קיין ענין עקרי בא אידן, דאס איז די אידן וואס זיינען אין דער דרגא פון רמונים, וואס דערפאר זיינען זיי בשולי המעיל, איז אויך זיי איז מען מעלה, דורכדעם וואס ס׳איז דא דער ונשמע קולו, און דער ענין פון ונשמע קולו איז נים קיין ענין בפ"ע, נאר צוליב שולי המעיל.

וואס ס׳איז דא אן אופן העבודה וואס דארף זיין קול דממה דקה, און ס׳איז דא דער אופן העבודה פון ונשמע קולו, א ענין של רעש, און דאס וואס מ׳זאגט (מלכים א׳ יט,יא-יב). "לא ברוח ה׳ גו׳ לא ברעש ה׳ גו׳ ולא באש ה׳" איז ער דאך מבאר אין המשך תעה"ב אז דאס זיינען אויך דרגות אין קדושה, ס׳איז מערנים וואס ס׳איז דא א העכערער ענין - דער ענין פון קול דממה דקה, וואס דאס איז דער ענין פון תפלת שמו"ע, וואס דוקא דעמאלט דארף זיין דער קול דממה דקה - כעבדא קמי מרי׳, משא"כ ק"ש וברכות ק"ש דעמאלט איז די עבודה אין אן אופן פון רעש ואש דוקא.

און דאס איז וואס מ׳זעט אויך שיטות אין דרושי חסידות (ראה ג"כ ד"ה ביום השבי׳ תשל"ה) אז אמאל שטייט אז עיקר ענין התפלה איז שמו"ע, און ק"ש איז בלויז א הכנה צו שמו"ע, און אמאל שטייט אז דער עיקר איז די עבודה פון בכל לבבך ובכל נפשך, וואס דאס איז די עבודה פון ק"ש ברעש דוקא.

איז בשעת מ׳שטייט אין א דרגא פון שולי המעיל, דעמאלט דארף זיין די עבודה אין א אופן פון רעש, עד"מ ווי איינער אנטלויפט פון א מקום סכנה, וואס דאס איז נוגע בנפשו, איז דאס אין אן אופן פון רעש, וואס דאס איז וואס ס׳ברייננט זיך אראפ אין פוילישע ספרים בשם הבעש"ט. [ומסתמא איז דאס אויסגעהאלטן] אז מ׳האט געפרעגט דעם בעש"ט בנוגע וואס חסידים מאכן תנועות וכו׳ בשעת׳ן דאווענען? האט ער געענטפערט אויף דערויף, אז בשעת איינער איז טויב, און ער הערט נים דעם ניגון, זעט ער נאר ווי מ׳מאכט די תנועות. און נאך א תירוץ האט ער געענטפערט, אז דאס איז ע"ד ווי איינער דערטרינקט זיך אין נהר, איז עפ"י טבע מאכט ער דעמאלט תנועות משונות, איז דאך זיכער אז קיינער וועט נים לאכן פון דעם וואס ער מאכט א תנועה בלתי מסודרה.

וואס דאס איז דער חילוק צווישן צדיקים און בע"ת, אז בא צדיקים איז דאס אין א אופן פון עלי׳ מדרגא לדרגא, משא"כ בע"ת איז אופן עבודתם ברעש גדול דוקא, וואס עבודת הצדיקים איז דער ענין פון כהני בחשאי וברעותא דלבא, אין אן אופן פון קול דממה דקה, משא"כ עבודת בע"ת איז דוקא אין אן אופן פון רעש ואש, און דורכדעם רעש וואס מ׳פועל׳ט אויף די בע"ת ווערט דאס בא זיי אין אן אופן פון תכלית העילוי.

און דאס איז וואס מ׳זאגט אז די פעמונים זיינען געווען בשולי המעיל וואס דאס ווייזט אויף חוטב עציך ושואב מימך וגרך - אשר בשעריך - שנהבייר כהלכה, איז דארטן דא דער ונשמע קולו - עבודה אין אן אופן פון רעש, וואס דורכדעם הויבט מען זיי אויף.

און דאס ווערט אין דעם זמן פון עיקבתא דמשיחא, בפרט נאך דערויף וואס מ׳איז שוין דורכגעגאנגען אלע ענינים המבלבלים, און ס׳איז שוין אלף השישי לאחר חצות, דארף זיין דער טועמי׳ חיים זכו, (ראה שיחת שבת חוהמ"ס תשל"ד) און מ׳פועל׳ט דעם ענין פון רעש בא די בע"ת, אין א אופן

- פון מנוחה -

<u>הנחת הה׳ בלתי מוגה</u>



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ה א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 456 הודפס ע"י או

אחיות 1234567



אוצר החכמה

פון מנוחה, און אין אן אופן פון שמחה, אן בלבולים, און מ'פועל'ט דעם ענין התשובה בשלימות, כמבואר באגה"ת (פ"ח), ולקו"ת האזינו בדרושי תשובה, און דעמאלט איז מען זוכה צו די נבואת הגאולה, נאך דעם וואס ס'וועט זיין דער והשיב לב אבות על בנים, און מ'וועט מאנצן מקבל זיין אלי-הו'ן, מיט דער בשורת הגאולה, וואס עד וועט ברייננען, בביאת משיח צדקנו וואס משיח אתא לאתבא צדיקיא בתיובתא, ובקרוב ממש.